


# פֿאַרוואָס דאַרף איך אַ ייִדישן גט?

## פֿראַגעס און ענטפֿערס וועגן אַ גט פֿאַר ייִדישע פֿרויען.



JWIC
...ending violence against women

flew Family Law Education for Women
Women's Right to Know

fodf Femmes ontariennes et droit de la famille
Le droit de savoir


flew Family Law Education for Women
Women's Right to Know

fodf Femmes ontariennes et droit de la famille
Le droit de savoir



Funded by: / Financé par :
Ontario



די מיינונגען וועלכע זײַנען אויסגעדריקט אין די אויסגאַבעס זײַנען די מיינונגען פֿון Jewish Women International of Canada (JWIC) און (FLEW) און מעגן נישט דווקא אָפּשפּיגלען די מיינונגען פֿון דער פּראָווינס.


JWIC
...ending violence against women
www.jwicanada.com

26448 FLEW YIDDISH 5/12/09 5:22 PM Page 2

# פֿאַרוואָס דער דאָזיקער פּראָספּעקט?

אויב איר זײַט אַ ייִדישע פֿרוי און זײַט אין גאַנג פֿון אַ גט אָדער איר טראַכט פֿון דעם, האַט דער פּראָספּעקט ידיעות וואָס איר דאַרפֿט וויסן. עס איז מעגלעך אַז איר זײַט ניט באַקאַנט מיט דעם אַז קריגן אַ ייִדישן גט איז זייער וויכטיק צי איר זײַט פֿרום אָדער ניט.

לויט דעם ציווילן געזעץ, קענט איר אָדער אײַער מאַן פֿאָדערן אַ גט. לויטן ייִדישן געזעץ קען בלויז אײַער מאַן אָנהייבן דעם פּראָצעס צו באַקומען אַ ייִדישן גט. צו זײַן גילטיק מוז אײַער מאַן ווילִיק געבן דעם גט און איר מוזט ווילִיק אים אָננעמען. אַמאָל קען מען האָבן שוועריקײַטן צו באַקומען אַ גט. דער דאָזיקער פּראָספּעקט איז פּלאַנירט צו געבן אײַך אַ גרונטיקע ידיעה וועגן באַקומען אַ ייִדישן גט און אַ ציווילן גט אין דער פּראָווינץ פֿון אָנטעריאָ.

דער פּראָספּעקט איז געוואָרן צונויפֿגעשטעלט און געשריבן פֿון אַ קאָמיטעט פֿון עקספּערטן אונ טער דער פֿירערשאַפֿט פֿון Jewish Women Internation of Canada (JWIC). JWIC איז אַ וואָלונטיר אָרגאַניזאַציע וועלכע איז איבערגעגעבן צו ברענגען אַ סוף צו גוואַלד-מעשים קעגן פֿרויען, דורך דערציונג, וויסיקײַט און שטיץ אין אַלע ענינים וועלכע רירן אָן די שוץ און די זיכערקײַט פֿון פֿרויען און זייערע קינדער. **www.jwicanada.com**

דער פּראָספּעקט איז פֿאַרוויקלעכט געוואָרן פֿון Family Law Education for Women (FLEW). אַן עפֿנטלעכער דערציונג פּראָיעקט וועלכער איז אונטערשטיצט פֿון דער רעגירונג פֿון אָנטעריאָ. FLEW's ציל איז צו באַזאָרגן פֿרויען מיט אינפֿאָרמאַציע וועגן זייערע משפּחה געזעצן רעכטן אין אָנטעריאָ. FLEW האָט אויך פּראָדוצירט מאַטעריאַל וועגן די פֿאָלגנדע טעמעס: אַלטערנאַטיווע חילוקי-דעות רעזאָלוציעס; אויפֿזיכט און צוטריט; קינדער באַשיצונג; קינדער אויסהאַלט; קרימינעלע און פֿאַמיליע געזעצן; שטוביקע קאָנטראַקטן; פֿאַמיליע געזעצן אַרביטראַזש; פֿאַמיליע געזעצן ענינים פֿאַר אימיגראַנטן, פּליטים און פֿרויען אָן סטאַטוס; הײַראַט און גט; געפֿינען הילף אין פֿאַמיליע געזעצן פֿאַרמאָג צעטיילונג און מענער אויסהאַלט. פֿאַר אינפֿאָרמאַציע וועגן מאַטעריאַלן וועלכע זײַנען אין אַנדערע שפּראַכן, זײַט אַזוי גוט און באַזוכט **www.onefamilylaw.ca** און **www.undroitdefamille.ca**



## רעזורסן

- דער בית-דין פֿון ייִדישן גט-געריכט אין טאָראָנטאָ. רב מרדכי אָקס — 416.781.9676
  (אַ גט וואָס דער בית-דין פֿון ייִדישן געריכט פֿון גט אין טאָראָנטאָ גיט אַרויס איז אוניווערסאַל אָנגענומען)
- בית-דין פֿון רבנישן פּלענום (אָנטעריאָ געגנט) רב סטעווען סאַלצמאַן — 416.635.5340 x 302
- דער רב פֿון רעפֿאָרעם בית-דין, מיקל שקל — 416.849.1004
- קאָאַליציע פֿון ייִדישע פֿרויען פֿאַר דעם גט (אָנטעריאָ) – פֿאַר אינפֿאָרמאַציע און הילף — 416.849.3135
- אַדוואָקאַטן פֿאַררוף באַדינונג — 1.900.565.4577
- ייִדישע משפּחה און קינד פֿון גרויס טאָטאָנטאָ — 416.638.7800
- ייִדישע משפּחה באַדינונג, לאָנדאָן — 519.673.3310
- ייִדישע משפּחה באַדינונג, אָטאַוואַ — 613.722.2225
- ייִדישע משפּחה באַדינונג, האַמילטאָן — 905.627.9922
- ייִדישע אינפֿאָרמאַציע באַדינונג, טאָראָנטאָ — 416.635.5600
- ייִדישע גמילות-חסד קאַסע — 416.635.1217
- ייִדישע פֿרויען אינטערנאַציאָנאַל פֿון קאַנאַדע www.jwicanada.com — 416.630.9313
- FLEW לעגאַלע אינפֿאָרמאַציע בראָשורן www.onefamilylaw.ca אָדער www.undroitdefamille.ca

26448 FLEW YIDDISH 5/12/09 5:22 PM Page 3

**באַמערקונג:**
**די אינפֿאָרמאַציע איז ניט קיין עצה און פֿאַרטרעט ניט לעגאַלע רעפּרעזענטאַציע.**
**פֿאַר מער אינפֿאָרמאַציע וועגן FLEW באַזוכט:**
www.onefamilylaw.ca .

## וואָס איז אַ ייִדישער גט?

- אַ ייִדישער *divorce* הייסט אַ גט.
- אַ גט איז אַ דאָקומענט וועלכער מאַכט אַ סוף צו אַ הײַראַט.
- לויטן ייִדישן דין מוז דער מאַן געבן דעם גט און אַ פֿרוי מעג דאָס אָננעמען. ביידע מוזן דאָס טאָן פֿרײַוויליק.

## ווער דאַרף האָבן אַ ייִדישן גט?

- לויטן ייִדישן געזעץ, דאַרף אַ ייִד וואָס איז פֿאַרהײַראַט צו אַ ייִד, באַקומען אַ ייִדישן גט.
- אַ ייִדישער גט איז באַזונדער פֿון אַ ציווילן גט (אַ גט אונטער דעם קאַנאַדער געזעץ).

## פֿאַרוואָס דאַרף איך אַ ייִדישן גט?

- אָפֿיציעל צו מאַכן אַ סוף צו אַ ייִדישן הײַראַט.
- אַ גט וועט אײַך דערלויבן אַרויסצוגיין אויף ראַנדקעס און ווידער חתונה האָבן מיט אַ ייִדן.
- אײַער סטאַטוס אַלס אַ גרושה וועט אָנגענומען ווערן אין מדינת ישראל און אין יעדער ייִדישער קהילה.

## וואָס איז אויב איך האָב נישט געהאַט קיין רעליגיעזע ייִדישע חתונה?

- לויט די מערהײַט פֿון ייִדישע בר-סמכאס, דאַרפֿט איר נאָך אַלץ באַקומען אַ ייִדישן גט.
- באַראַט זיך מיט אַ רב.



## גלאָסאַר

| | |
|---|---|
| *אַפֿידייוויט* | אַ פֿאָרמעלע געשוואָרענע דערקלערונג פֿון פֿאַקט |
| *עליה* | אימיגראַציע קיין ישראל |
| *בית-דין* (מערצאָל: *בתּי-דין*) | אַ רבנישער געריכט |
| *דין* (מערצאָל: *דינים*) | ריכטער |
| היימישער קאָנטראַקט | אַ לעגאַלער אָפּמאַך צווישן אײַך און אײַער שותּף וואָס באַשרײַבט געוויסע תּנאים פֿאַר אײַער אָנקער אָדער אײַער און אײַער שותּפֿס רעכטן און פֿאַראַנטוואָרטלעקייטן אין פֿאַל ווען אײַער קרובהשאַפֿט ווערט פֿאַרענדיקט. |
| פֿאַמיליע געזעץ בורר | אַ מענטש וואָס איז אויסגעשולט צו הערן ביידע זײַטן פֿון אַ פּ ראָבלעם און פּסקענען. |
| *גט* | אַ ייִדישער גט(דיוואָרס) |
| *כּתובה* | ייִדישער חתונה קאָנטראַקט צוגעגרייט לויטן ייִדישן דין |
| *ממזר* (מערצאָל: *ממזרים*) | אַ קינד וואָס איז געבוירן פֿון חילול-הזיווג אָדער אינצעסט |
| חתונה היים | דעם פֿאָרפֿאָלקס עיקרדיקע וווינונג במשך דער צײַט וואָס זיי האָבן געלעבט צוזאַמען |
| *פּטור* | אַ דאָקומענט וואָס דערלויבט ווידער חתונה צו האָבן |
| באַגרענעצונג באַפֿעל | אַ באַפֿעל פֿון געריכט וואָס זאָגט אַז איין מענטש קען נישט האָבן קיין קאָנטאַקט אָדער פֿאַרבינדונג מיט אַ צווייטן |
| *סרוב* | אַ דאָקומענט וואָס זאָגט אַז אַ מענטש איז ניט ווילליק אָנצונעמען דעם באַשלוס, אויטאָריטעט פֿון דעם בית-דין |

26448 FLEW YIDDISH 5/12/09 5:22 PM Page 4

## וואָס וועט געשען אויב איך וועל נישט באַקומאַן קיין יידישן גט?

- אויב איר האָט בלויז אַ ציווילן גט, זײַט איר נאָך אַלץ פֿאַרהײַראַט לויטן ייִדישן דין.
- אַזוי ווי דער ייִדישער דין באַטראַכט אײַך ווי פֿאַרהײַראַט ווערט יעדע פֿאַרהעלטעניש באַטראַכט ווי אַ חילול-הזיווג.
- **עס וועט זיך אַפּרופֿן אויף אײַערע צוקונפֿדיקע קינדער:** יעדעס קינד וואָס איר האָט מיט אַ מאַן וועלכער איז נישט אײַער מאַן איז לויטן ייִדישן דין אַ ממזר, אַ קינד וואַס ווערט געבוירן דורך חילול-הזיווג אָדער אינצעסט.
- אַ ממזר טאָר נישט חתונה האָבן מיט קיין ייִדן, חוץ מיט אַנדערע ממזרים. דער סטאַטוס בלײַבט פֿאַר צוקונפֿטדיקע דורות.
- עס איז נישטאָ קיין סגילה פֿאַר אַזאַ סטאַטוס.
- אויב אײַערע קינדער זײַנען ממזרים וועט מען זיי מוזן אַינפֿאָרמירן וועגן זייער סטאַטוס.

## איך בין נישט אַזוי רעליגיעז. צו וואָס דאַרף איך דאגהן וועגן אַ ייִדישן גט?

- אַז אײַערע צוקונפֿטדיקע קינדער און קינדסקינדער זאָלן נישט זײַן קיין ממזרים און זיי זאָלן קענען חתונה האָבן מיט וועמען זיי וועלן וועלן.
- אויב אַיר וועט האָבן בלויז אַ ציווילן גט וועלן די מערהײַט ייִדישע קהילות און מדינת ישראל אײַך נאָך אַלץ באַטראַכטן ווי פֿאַרהײַראַט לויטן ייִדישן דין .

## אויב איך האָב אַ ייִדישן גט, דאַרף איך נאָך אַלץ באַקומען אַ ציווילן גט?

- יאָ, לויט דעם קאַנאַדער געזעץ, מוז יעדעס פּאָרפֿאָלק וואָס וויל זיך גטן, באַקומען אַ ציווילן גט.
- אויב איר האָט זיך געגט אין ישראל אָדער אַן אַנדער לאַנד ווו אַ גט איז בלויז אַ רעליגיעזער ענין, דאַן דאַרף אײַער גט זײַן גילטיק. באַראַט זיך מיט אַ פֿאַמיליע אַדוואָקאַט.
- פֿאַר אַ ציווילן גט, באַראַט זיך מיט אַ פֿאַמיליע געזעץ אַדוואָקאַט.
- פֿאַר הילף צו געפֿינען אַ פֿאַמיליע געזעץ אַדוואָקאַט, פֿאַררופֿט זיך אויף דער רעזורס ליסטע אויף דער לעצטער זײַט.



- בײַם סוף פֿון דער פּראָצעדור פֿון בית-דין ווערט דער גט געשניטן, און דאָס סימבאָליזירט דעם סוף פֿון דעם הײַראַט.
- דער אָריגינאַל פֿון דעם גט בלײַבט אין בית-דין.
- אַ פּטור, אַ דאָקומענט וואָס דערלויבט ווידער חתונה צו האָבן וועט ווערן געגעבן צו אײַך בײַם סוף פֿון דער צערעמאָניע (אַמאָל שיקט מען דעם פּטור דורך דער פּאָסט און דאָס קען נעמען צוויי וואָכן).

## וויפֿל קאָסט עס און ווער צאָלט?

- אַ גט קאָסט $500 אין אָנטעריאָ (2008). דער אָפּצאָל דעקט די אַרבעט פֿון די רבנים, צוויי עדות און אַ סופֿר און סעקרעטאַרישע אַרבעט צו מאַכן זיכער אַז די פּאַפּירן זײַנען צוגעגרייט און קומען אָן אין צײַט.
- לויט טראַדיציע, האָבן מענער באַצאָלט פֿאַרן גט. אָבער לעצטנס האָבן אַ טייל פּאָרפֿעלקער אָנגעהויבן זיך צו טיילן מיט דעם אויסגאַב.
- אויב אײַער מאַן וועט ניט באַצאָלן אָבער וועט אײַך געבן אַ גט איז מעגלעך אַז איר זאָלט וועלן באַצאָלן דעם גאַנצן אָפּצאָל אַליין .
- אויב איר האָט ניט גענוג געלט, קענט איר בעטן הילף פֿון:
  - משפּחה
  - דעם רב פֿון דער שול
  - דעם ייִדישן סאָציאַלן באַדינונג אַגענץ, אויב איר זענט אַ קליענט (פֿאַר געלט און/אָדער הדרכה)
  - לאָקאַלן גמילות-חסד פֿאַר אַ הלוואהאַן פּראָצענט
  - לאָקאַלן קאָמיטעט פֿון דער קאָאַליציע פֿון יידישע פֿרויִען פֿאַר דעם גט

## וואָס אויב איך קען נישט זײַן אין דער זעלבער גאַבײַדע ווי מײַן מאַן?

- אויב איר און אײַער מאַן קענען ניט זײַן אין זעלבן צימער (צ.ב.אין פֿאַל פֿון בעוולונג און/אָדער אַ צאַמונג באַפֿעל) קען מען באַשטימען אַן אַגענט וואָס זאָל פֿאַרטרעטן איינעם פֿון אײַך אָדערביידע.
- אויב אײַער מאַן איז אויסער דער שטאָט, מוז מען באַשטימען אַן אַגענט וואָס זאָל אָפּנעמען און ברענגען דעם גט צו אײַך.
- עס זײַנען דאָ איבעריקע הוצאות פֿאַר דער באַדינונג.

## וואָס זאָל איך קריגן פֿריער, דעם ייִדישן גט אָדער דעם ציווילן גט?

- עס איז בעסער צו באַקומען דעם ייִדישן גט פֿריער.
- באַראַט זיך מיט אַ פֿאַמיליע געזעץ אַדוואָקאַט און אַ רב וועגן אײַער ספּעציפֿישן ענין.

## ווו באַקום איך אַ ייִדישן גט?

- פֿאַרבינדט זיך מיט אײַער אָרטיקן רב, אויב איר האָט איינעם.
- פֿאַרבינדט זיך מיט בית-דין, אַ רבניש געריכט.
- פֿאַררופֿט זיך אויף דער רעזורס ליסטע אויף דער לעצטער זײַט צו געפֿינען אַ בית-דין.

## וואָס זײַנען אַ טייל פֿון די אונטערשיידן צווישן קאַנאַדער און ייִדישע געזעצן בנוגע אַ גט?

- אונטער דעם ציווילן גט מוז מען וואַרטן אַ יאָר פֿאַר אַ גט.
- אָבער אויב איינער פֿון די צוויי מענטשן איז באַגאַנגען חילול-הזיווג אָדער אַכזריות, קען דער ציווילער געריכט, גלײַך צוטיילן אַ גט.
- לויטן ייִדישן דין איז נישטאָ קיין זמן פֿון וואַרטן.
- לויטן ציווילן געזעץ, קענען ביידע צדדים וווינען אונטער איין דאַך און ווערן באַטראַכט אַלס צעשיידטע.
- לויטן ייִדישן דין, וועט מען נישט באַטראַכטן קיין גט אויב ביידע צדדים וווינען אונטער איין דאַך ווען זיי בעטן אַ צונויפֿטרעף מיט דעם בית דין.

**רעדט צו אַן אַדוואָקאַט איידער איר דעצידירט צו פֿאַרלאָזן אײַער חתונה היים.**



## וואָס דאַרף איך טאָן צו באַקומען אַ ייִדישן גט אין אָנטעריאָ?

- פֿאַרבינדט זיך מיטן בית-דין.
- זיי וועלן אײַך געבן אָנווײַזונגען וועגן דעם פּראָצעס.
- עס איז מעגלעך אַז איר וועט זיך דאַרפֿן טרעפֿן מיטן רב איידער איר וועט קענען גיין ווײַטער מיטן גט.

**עס איז כּדאַי צו באַקומען אַ גט איידער דער ציווילער גט איז ענדגילטיק.**

## ווער וועט זײַן אין צימער?

- פֿון איינס ביז דרײַ רבנים וועלכע זײַנען דינים.
- צוויי מענלעכע עדות.
- אַ סופֿר.
- אײַער מאַן.
- איר.
- עס איז אַ גוטע אידעע צו בעטן אַז אַ קרוב אָדער אַ פֿרײַנד זאָל מיט אײַך מיטגיין.

## וואָס דאַרף איך מיטברענגען?

- אַ פֿאָטאָ לעגיטימאַציע.
- די כּתובה, דעם חתונה קאָנטראַקט (פֿאָטאָקאָפּירט דאָס פֿאַר אײַער אַרכיוו איידער איר גיט אַוועק דאָס אָריגינעלע).אויב איר האָט נישט קיין כּתובה, אינפֿאָרמירט דעם רב פֿון בית-דין.
- די ליסטע פֿון נעמען און צונעמען פֿון אײַער טאַטן, מאַמען און באָבע זיידעס אין ענגליש און העברעיש.
- ווייס דײַן אייגענעם נאָמען אין העברעיש.
- דאָקומענטן וואָס איר האָט וועגן פֿריערדיקע חתונות און גטן,גיור, אַדאָפּטירונגען וועגן אײַך אײַערע עלטערן, אײַערע באָבע- זיידעס.

## ווי לאַנג וועט עס נעמען און וואָס וועט געשען?

- אַרום 2 1/2 שעה.
- עס איז אַ זייער אַ טעכנישער פּראָצעס.

26448 FLEW YIDDISH 5/12/09 5:22 PM Page 6

## ווער פֿאַרנעמט זיך מיט אויפֿזיכט, אויסהאַלט און צעטיילונג פֿון פֿאַרמאָג?

- בלויז אָנטעריאָ געריכטן און/אָדער פֿאַמיליע געזעץ בוררים קענען מאַכן פּסקענונגען וועלכע פֿאַרבינדן לעגאַל אין פֿאַמיליע געזעץ.
- גייט ניט צו אַרביטראַזש מיט איינעם וואָס האָט אײַך באַהאַנדלט מיט רציחה, אָדער שלעכט באַהאַנדלט,אָדער האָט פּרובירט בעל-הבתּעווען איבער אײַך, אָדער מיט איינעם וואָס האָט מער מאַכט ווי איר.
- איר און אײַער מאַן קען מאַכן אַן אָפּמאַך אויסצוגלײַכן די ענינים צווישן אײַך ביידע ווען איר מאַכט אַ סוף צו אײַער קרובשאַפֿט. איידער איר שרײַבט אונטער אַן אָפּמאַך, מאַכט זיכער אַז איר האָט פֿולע און ריכטיקע אינפֿאָרמאַציע וועגן אײַער מאַנס פֿינאַנסיעלער לאַגע. יעדער פֿון אײַך דאַרף אויך רעדן צו אײַער אייגענעם אַדוואָקאַט.
- פּסקענונגען פֿון אַ ייִדישן געריכט וועגן אויפֿזיכט, צוטריט, קינד און ווײַב אויסהאַלט און פֿאַרמאָג זײַנען ניט אַנערקענט אַלס לעגאַל אונטער דעם ציווילן געזעץ. דער אָנטעריאָ געזעץ דערלויבט דעם בית-דין אַרויסצוגעבן אַ גט.
- פֿאַר מער אינפֿאָרמאַציע, זעט די FLEW אינפֿאָרמאַציע בראָשורן אָדער באַזוכט .www.onefamilylaw.ca

**ייִדישע פֿרויען דאַרפֿן אי אַ ציווילן גט אי אַ ייִדישן גט.**



## וואָס איז וועגן רײַזן מיט מײַנע קינדער?

- יעדער פֿון די עלטערן מוז האָבן די אויפֿזיכט-באַשטימונג און אַ בריוו פֿון אַ נאָטאַר וועגן רײַזע-הסכּמה פֿון דעם אַנדערן בכּדי אַרויסצופֿאָרן פֿון קאַנאַדע.
- עס איז דערלויבט צו פֿאָרן אין קאַנאַדע אָן אַזאַ בריוו.
- יעדעס קינד מוז האָבן אַ באַזונדערן פּאַספּאָרט.
- אויב דעם קינדס פֿאָטער זאָגט זיך אָפּ אונטערצושרײַבן די פּאַספּאָרט אַפּליקאַציע, רעדט צו אײַער אַדוואָקאַט.
- אײַער אַדוואָקאַט קען בעטן אַז דאָס געריכט זאָל אײַך געבן דערלויבעניש צו פֿאָרן מיט אײַער קינד.

## וואָס געשעט אויב מײַן מאַן נעמט אונדזער קינד אַרויס פֿון קאַנאַדע און זאָגט זיך אָפּ אומצוקערן?

- דאָס הויבט געזעץ וואָס קען מעגלעך אײַך העלפֿן צוריקקריגן אײַער קינד איז דער *Hague Convention on the Civil Aspects of International Child Abduction.*
- דער *Hague Convention* איז אַן אינטערנאַציאָנאַלער אָפּמאַך וועלכער איז אונטערגעשריבן פֿון 75 לענדער, אַרײַנגערעכנט קאַנאַדע. די לענדער וועלכע האָבן אונטערגעשריבן דעם אָפּמאַך זײַנען מסכּים אַז זיי וועלן אַרבעטן צוזאַמען צו געפֿינען און אומצוקערן קינדער וועלכע זײַנען אומלעגאַל גענומען געוואָרן פֿון איין לאַנד אין אַ צווייטן.
- אויב דאָס איז אײַער לאַגע, פֿאַרבינדט זיך מיט אַן אַדוואָקאַט אַזוי שנעל ווי מעגלעך.
- עס איז גרינגער דורכצופֿירן אויב עס איז דאָ אַן אויפֿזיכט און צוטריט באַפֿעל אין אָרט.
- אויב איר האָט ניט אָדער זײַט באַגרענעצט מיט געלט,קענט איר זײַן פּאַסיק פֿאַר לעגאַלע הילף.
- אויב מען האָט אײַערע קינדער גענומען אין אַ לאַנד וואָס האָט ניט אונטערגעשריבן דעם *Hague Convention,* איז אָפֿט שווערער זיי צוריק צוקריגן.
- פֿאַר מער אינפֿאָרמאַציע פֿאַררופֿט זיך צום FLEW בראָשור וועגן ״קינדער אויפֿזיכט און צוטריט״.

## וואָס אויב מײַן מאַן זאָגט זיך אָפּ מיר צו געבן אַ גט?

- בעט אײַער רב, אויב איר האָט איינעם, אַז ער זאָל אַרומרעדן דעם ענין מיט אײַער מאַן.
- רעדט צו אײַער מאַנס משפּחה אַז זיי זאָלן העלפֿן אים איבערצײַגן.
- בעט פֿרײַנד וועלכע האָבן אויף אים אַן אײַנפֿלוס צו רעדן מיט אים.
- אויב דאָס אַלץ האַט אַ דורכפֿאַל, באַראַט זיך מיט אַ רב אין בית-דין.
- דער בית-דין מעג הייסן אײַער מאַן קומען צו אים.
  - אויב ער זאָגט זיך אָפּ דרײַ מאָל צו קומען אָדער זאָגט זיך אָפּ נאָכצוקומען דעם באַשלוס פֿון דעם בית-דין , קען דער בית-דין אַרויסגעבן אַ סרוב וואָס וועט אינפֿאָרמירן די ייִדישע קהילה וועגן אײַער מאַנס אָפּזאָג.
  - קיין קלוב, אינסטיטוציע אָדער אָרגאַניזאַציע דאַרף אים ניט אַפּגעבן קיין כּבוד, געבן קײַן שטעלע אַדער מיטגלידערשאַפֿט.
  - מענטשן דאַרפֿן ניט האַנדלען מיט אים.
  - מען דאַרף אים נישט אײַנלאַדן צו קיין שמחות.
- אַ סך שולן און ייִדישע אָרגאַניזאַציעס האָבן שוין סטאַטוטן צו רעספּעקטירן אַ סרוב.
- אַזוי גיך ווי אײַער מאַן גיט אײַך דעם גט און איר נעמט אים אָן, ווערן די אויסשליסונגען אַוועקגענומען.

## ווי קענען די געזעצן פֿון קאַנאַדע און אָנטעריאָ מיך העלפֿן אויב מען זאָגט מיך אָפּ אַ ייִדישן גט?

- עס זײַנען פֿאַראַן ציווילע געזעצן וועלכע קענען אײַך העלפֿן צו באַקומען אַ גט. עס איז וויכטיק אַז איר זאָלט זיך באַראַטן מיט אַ פֿאַמיליע געזעץ אַדוואָקאַט און אַ רבנישן עקספּערט.



- עס איז מסופּדיק צי די כּתובה קען ווערן אויפֿגעהאַלטן אַלס אַ שטוביקער קאָנטראַקט אין געריכטן פֿון אָנטעריאָ.
- כאָטש אַ כּתובה איז נישט קיין בינדנדער קאָנטראַקט אין אַ ציווילן גט, מוז מען עס האָבן פֿאַר די פֿאַרהאַנדלונגען אין אַ ייִדישן גט.

## זײַנען אויסלענדישע חתונה-הסכּמות אָדער קאָנטראַקטן לעגאַל- בינדנדע אין אָנטעריאָ?

- אונטער אָנטעריאָ פֿאַמיליע געזעץ, זײַנען תּנאים פֿון אַן אויסלענדישער חתונה-הסכּמה אַדער קאָנטראַקטן וועגן אויפֿזיכט אָדער צוטריט, נישט אַלע מאָל לעגאַל-בינדנדע. אַ געריכט האָט אַלע מאָל די מאַכט צו בײַטן די תּנאים אויב עס פֿילט אַז זיי זײַנען נישט אין דעם בעסטן אינטערעס פֿון די קינדער.
- אַנדערע תּנאים ווי פֿאַרמאָג אַדער ווײַב-אויסהאַלט קענען זײַן בינדנדע.
- איר דאַרפֿט זיך באַראַטן מיט אַן אַדוואָקאַט וועגן אַלע טיילן פֿון אַן אויסלענדישער הסכּמה.

## מײַן מאַן איז אַ בירגער פֿון ישראל אָדער ער מאַכט עליה און האָט מיר נישט געגעבן קיין גט. וואָס זאָל איך טאָן?

- אינפֿאָרמיר דעם רב וואָס העלפֿט אײַך באַקומען אַ גט.
- דער רב קען עפֿענען אַ דאָסיע אין אַ בית-דין אין ישראל.
- עס זײַנען דאָ ישראל געזעצן וועלכע קענען אײַך העלפֿן, למשל מען קען בײַ אים אַוועקנעמען זײַן פּאַספּאָרט אָדער זײַן דערלויבעניש צו טרײַבן אַן אויטאָ.

## מײַן מאַן איז ניט קיין בירגער פֿון ישראל און מאַכט נישט קיין עליה. קענען ישראל געזעצן מיר העלפֿן?

- ניין.

## וואָס זײַנען די קאַנאַדער געזעצן וועלכע קענען העלפֿן מײַן יורידישן ענין?

- כאָטש קאַנאַדער משפּחה געזעץ קען אײַך ניט געבן קיין גט, קען עס אײַך געבן הילף. צום בײַשפּיל, קאַנאַדער געזעץ זאָגט אַז אײַער מאַן קען נישט נוצן דאָס אָפּזאָגן פֿון אַ גט אַלס אַ פֿאַרהאַנדלונגס מיטל.
- דער געזעץ זאָגט אויך אַז אויב אײַער מאַן זאָגט זיך אָפּ צו קאָאָפּערירן מיט אײַך אין באקומען אַ גט, קען דער געריכט זיך אָפּזאָגן צו באַהאַנדלען זײַן פֿאַמיליע-געזעץ אַפּליקאַציע אַדער קען דעצידירן אַז ער קען זיך נישט פֿאַרטיידיקן אין די פֿאַמיליע געריכט פֿאַרהאַנדלונגען.

**אַ בײַשפּיל:** רחלס מאַן זאָגט זיך אָפּ פֿון געבן איר אַ גט. רחל האָט געמאַכט אַ ווײַב-אויסהאַלט פֿאָדערונג פֿון $1,000 אַ חודש. הערי, אין ענטפֿער, זאָגט אַז ער וואָלט געדאַרפֿט באַצאָלן בלויז $500. דער געריכט קען זיך אָפּזאָגן פֿון אָננעמען העריס ענטפֿער אָדער צו דערלויבן אים אָנטיילנעמען אין אויסהאַלט פֿאַרהער ווײַל ער שטעלט מניעות אין וועג פֿון רחלס רעליגיעזע חתונה. אויב איר פֿאָדערונג איז מעסיק, קען דער געריכט צו-נישט מאַכן העריס פֿאָדערונג און בלויז אויסהערן רחלס פֿאָדערונג.

## וואָס דאַרף איך טאָן כּדי די געזעצן זאָלן אַרבעטן פֿאַר מיר?

- פֿאַרבינדט זיך מיטן בית-דין און זאָג אַז איר זײַט מסכּים אויף אַ גט אָן שום באַדינג.
- שרײַבט אַ רעגיסטרירטן בריוו צו אײַער מאַן און זאָגט אים וואָס איר האָט געטאָן און בעט אים אַז ער זאָל טאָן דאָס זעלביקע.
- אויב אײַער מאַן וועט דאָס ניט טאָן, רעדט צו אײַער אַדוואָקאַט וועגן ווײַטערדיקע שריט ווי אַרײַנטראָגן אַן אַפֿידייוויט אין געריכט.



## איך האָב אַ ציווילע צעשיידונג-הסכּמה אָדער גט אין וועלכער מײַן מאַן האָט צוגעזאָגט מיר צו געבן אַ ייִדישן גט אָבער ער האָט דאָס ניט געטאָן. קען איך אים אײַנגעבן אין געריכט פֿאַר אַנטשעדיקונג?

- ווי פֿריער באַמערקט, קען פֿאַמיליע געזעץ נישט צווינגען אײַער מאַן אײַך צו געבן אַ גט, כאָטש ער קען אײַך העלפֿן.
- איר קענט אויך נוצן די דאָזיקע תּנאים אויב איר גייט צוריק אין געריכט צו בײַטן אַ פֿריערדיקן באַפֿעל.
- לעטסטנס האָט דאָס העכסטע געריכט פֿון קאַנאַדע צוגעפּסקנט אַנטשעדיקונג אַ קוועבעקער פֿרוי ווען איר געוועזענער מאַן האָט איר נישט געגעבן קיין גט נאָך דעם ווי ער האָט צוגעזאָגט דאָס צו טאָן אין זייער צעשיידונג אָפּמאַך.
- דאָס געריכט האָט געמאַכט קלאָר אַס עס קען ניט צווינגען איר מאַן איר צו געבן אַ גט, אָבער עס האָט געפֿאָדערט אַז ער זאָל איר געבן געלט איר צו פֿאַרגיטיקן פֿאַר פֿאַרפֿעלן צו מקיים זײַן דעם אָפּמאַך.
- עס איז נישט קלאָר צי די דעציסיע פֿון דעם העכסטן געריכט קען ווערן גענוצט אין אַן אַנטעריאָרער געריכט.
- עס איז וויכטיק זיך צו באַראַטן סײַ מיט אַן אַדוואָקאַט און סײַ מיט אַ רב אין די סיטואַציעס.

## איז אַ כּתובה באַטראַכט ווי אַ לעגאַלער קאָנטראַקט אין אָנטעריאָ?

- די כּתובה באַשטימט די פֿליכטן, אַרײַנגערעכנט די פֿינאַנציעלע, וואָס אַ מאַן האָטלגבי זײַן פֿרוי אין פֿאַל פֿון צעשיידונג אָדער זײַן טויט.